# לקוטי שיחות

•

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

### שניאורסאהן

מליובאוויטש

## כ׳ מר-חשון

יוצא לאור על ידי מערכת

„אוצר החסידים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ששים ואחת לבריאה

יובל שנים לנשיאות כ״ק אדמו״ר מה״מ

לזכר נשמת

הרה״ח וכו׳ מלאכתו מלאכת שמים

התמים ר׳ **יהושע זעליג הכהן** ע״ה

בן הרה״ח ר׳ **משה זלמן הכהן** ע״ה

**כצמאן**

נפטר ח״י אדר **ה׳** שנת **נח״ת**

**ת.נ.צ.ב.ה.**

•

נדפס ע״י משפחתו שיחיו

כתובתנו באינטרנט: http://www.moshiach.net/blind

# כ׳ מר-חשון

**א. שבת פרשת וירא — כ׳ מ״ח׳ תרצ״ג, האט כ״ק מו״ח אדמו״ר דער־ציילט א סיפור׳ וואס האט פאסירט מיט זיין פאטער דעם רבי׳ן (מהורש״ב) נ״ע, ווען ער איז געווען א קינד פון פיר אדער פינף יאר.**

**(אז ער איז דאן ניט געווען עלטער פון פינף יאר, איז מוכרח פון דעם וואס דער רבי נ״ע איז געבארן גע־ווארן כ׳ מ״ח שנת כתר״א׳ און ביי דער הסתלקות פון צ״צ — י״ג ניסן תרכ״ו — איז ער נאך ניט געווען קיין בן שש; און אז ער איז שוין דאן אלט געווען פיר יאר, איז פארשטאנדיק דערפון וואס מען האט אים אריינגעגעבן אין חדר צו דריי מיט א האלב יאר׳, און דער סיפור האט דאך צו טאן מיט זיין לימוד אין חדר).**

**בשבת קדש פרשת וירא (ביום הו־לדתו, אדער דעם שבת וואס פאר׳**

---

1) יום הולדת* כ״ק אדמו״ר (מהורש״ב) נ״ע**. תולדותיו בפרטיות — ראה „חנוך לנער״.

2) נדפס (בקצרה) ב„היום יום״ ע׳ קג. לקו״ש ח״א פ׳ וירא.

3) לשון הצ״צ („היום יום״ כ׳ מ״ח).

4) ב„חנוך לנער״ ס״ע 8: „בן שלש שנים הכניסוהו לחדר״. ואולי החילוק הוא בין „הכנסה לחדר״ — ללימוד בחדר באופן קבוע.

5) להעיר אשר שבת מיני׳ מתברכין כולהו יומין (זח״ב סג, ב. פח, א). ולהעיר גם ממנהג אנ״ש* בזמן האחרון, שבשבת שלפני יום ההולדת (או ביום ההולדת עצמו — כשחל בשבת) עולים לתורה.

---

*) ביום הולדת של אדם מזלו שולט ועוזר לו (ראה ירושלמי ר״ה פ״ג ה״ח ובקה״ע שם). „ומש״כ בקדושין (לח, א) דצדיקים מתים ביום שנולד היינו לפי שאצלם המיתה היא התרוממות מזלו ומע־לתו שפושט לבוש שק הגופני ולובש חלוקא דרבנן הרוחני ליכנס לעולמות העליונים למעלה עליונה ליהנות מזיו השכינה״ (רסיסי לילה — להרה״צ והרה״ג וכו׳ הר״ר צדוק הכהן מלובלין — קונטרס דברי חלומות סעיף כ, ליל מוצש״ק וישלח שנת וברכות).

— ע״ד שמחה ועילוי ביום הולדת צדיק, ראה: תנחומא ס״פ פקודי (של יצחק). מגילה יג, ב (משה). שמו״ר פט״ו, ס (של בן מלך). ר״ה יא, א (חודש שנולדו בו האבות). וראה גם לקו״ש ח״ב ע׳ 602 ואילך. סה״ש תשמ״ח ח״ב ע׳ 398 ואילך.

ויש להטעים גם בנוגע לכאו״א מישראל, כי כיון שביום הבר מצוה צ״ל שמחה כביום החופה (זהר חדש בראשית טו, ד) ועפ״י כהאריז״ל בכל שנה חוזרת וניעורת אותה ההמשכה (ראה לקו״ש ח״ח ע׳ 49 הערה 8) — צ״ל בהתעוררות וכו׳ בכל שנה ביום ההולדת. וידועה הוראת כ״ק מו״ח אדמו״ר אשר ביום ההולדת על האדם להת־בודד ולהעלות זכרונותיו ולהתבונן בהם, והצריכים תיקון ותשובה ישוב ויתקנם („היום יום״ יא׳ ניסן).

וראה שיחת ח״י אלול ה׳תש״א. מכתב כ״ק מו״ח אדמו״ר הנדפס בתחילת קונטרס החלצו תרנ״ט (סה״מ תרנ״ט ע׳ רכה ואג״ק שלו ח״י ע׳ ג) להסתלקות כ״ק אדמו״ר נ״ע

— וידוע שיום ההולדת שייך וקשור ליום ההסתלקות (עיין רשימות הצ״צ עה״פ (קהלת ז, א) טוב שם משמן טוב ויום המות מיום הולדו. לקו״ש ח״ב שם ס״ע 605 ואילך), ובפרט בצדיקים (ראה ר״ה יא, א: הקב״ה יושב וממלא שנותיהם של צדיקים מיום ליום).

•) עוד מנהגי אנ״ש בקשר עם יום ההולדת: נתינת צדקה קודם תפלת שחרית וקודם תפלת מנחה (וכשיום ההולדת חל בשבת או ביו״ט — נותנים צדקה ביום שלפניו); לימוד שיעור נוסף בנגלה ובחסידות; התבודדות ותיקון העבר כנ״ל בשולי הגליון (הא׳) להערה 1. וראה סה״ש תשמ״ח ח״א ע׳ 332 ואילך שם ח״ב ע׳ 406־7.

**) להעיר, אשר בב׳ ניסן הבע״ל (תש״ל) ימלאו חמישים שנה (שנקרא „עולם״ (תדבא״ר פ״ו. וראה בחיי וציוני למשפטים (כא, ו)).





וחותמו „ויהי נועם ה׳ אלקינו עלינו גו׳ ומעשה ידינו כוננהו״, דקאי על בית המקדש דלעתיד[7], „מקדש אדנ־י כוננו ידיך״[8].

* * *

**ועוד והוא העיקר:**

נוסף על המבואר לעיל שקיימת מציאותו של משיח בניצוץ **משיח (בחי׳ היחידה) שבכאו״א מישראל**, קיימת גם מציאותו של משיח כפשוטו (יחידה הכללית) — **כידוע ש„בכל דור ודור נולד א׳ מזרע יהודה שהוא ראוי להיות משיח לישראל״[9], „א׳ הראוי מצדקתו להיות גואל, ולכשיגיע הזמן יגלה אליו השי״ת וישלחו כו׳״[10], ואילו לא היו מתערבים ענינים בלתי רצויים המונעים ומעכבים כו׳, הי׳ מתגלה ובא בפועל ממש.**

**ועפ״י הודעת כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו, משיח[11] שבדורנו, שכבר נסתיימו ונשלמו כל עניני העבודה ועומדים מוכנים לקבלת פני משיח צדקנו, הרי, בימינו אלו נתבטלו כל המניעות והעיכובים כו׳, וכיון שכן, ישנה (לא רק** המציאות **דמשיח, אלא) גם** ההתגלות **דמשיח, ועכשיו צריכים רק** לקבל **פני משיח צדקנו בפועל ממש!**

. . . **וכיון שכן, מובן, שכל הענינים וכל הפעולות חדורים בעניני משיח וגאולה, כולל גם באכילתו ושתייתו, שמשתוקק לסעודה דלויתן ושור הבר ויין המשומר, עד כדי כך שגם** לאחרי **הסעודה נשאר** רעב **לסעודה דלויתן ושור הבר ויין המשומר, ובמילא, טוען להקב״ה שאינו יכול לקיים המצוה ד„ואכלת** ושבעת **וברכת״**[12] לאמיתתה **עד שהקב״ה יושיבנו על שולחנו להסעודה דלעתיד לבוא.**

(משיחות ש״פ וירא, ח״י מר־חשון תשנ״ב)

---

7) מדרש תהלים עה״פ. 8) בשלח טו, יז.

9) פי׳ הברטנורא למגילת רות.

10) ראה שו״ת חת״ס חו״מ (ח״ו) בסופו (סצ״ח). וראה שד״ח פאת השדה מע׳ האל״ף כלל ע׳. ועוד.

11) יחידה הכללית, שמאירה ומתגלה בנשמתו של נשיא הדור, שכולל את כל נשיי שבדור (ראה ד״ה פדה בשלום בשערי תשובה לאדהאמ״צ פ״ב).

12) עקב ח, יד״ד.

# מז.

פעולתו של אדנ"ע ביסוד ישיבת תומכי תמימים — כמבואר בשיחתו הידועה[1] בענין „כל היוצא למלחמת בית דוד", שתלמידי תומכי תמימים הם „חיילי בית דוד" שיוצאים למלחמת בית דוד נגד אלו „אשר חרפו עקבות משיחך"[2], ובלשון הרמב"ם בהלכות מלכים ומלחמות ומלך המשיח[3]: „ילחם מלחמות ה'" עד ש„נצח", כמרומז גם בהמשך הכתובים ד„אשר חרפו עקבות משיחך" — „ברוך ה' לעולם אמן ואמן"[4], ש„אמן" (ועאכו"כ ב"פ אמן) מורה על הנצחון במלחמה[5], שעי"ז נעשה ביאת וגילוי דוד מלכא משיחא בפועל ממש.

ובהדגשה יתירה בדורנו זה — דור השלישי לאדנ"ע ולתלמידיו חיילי בית דוד, שבו מסתיימת ונשלמת עבודתם של חיילי בית דוד להביא את הגאולה בפועל ממש ע"י דוד מלכא משיחא, וכדברי כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו בחיים חיותו בעלמא דין שכבר נסתיימה ונשלמה כל העבודה, ועומדים מוכנים לקבלת דוד מלכא משיחא, ועאכו"כ לאחרי המשך העבודה באופן ש„נתן ה' לכם לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע"[6].

ובדורנו זה נמצאים כבר בשנת הצדי"ק — לאחרי סיום שנת הפ"ט, הקשורה עם מזמור הפ"ט, שסיומו וחותמו „אשר חרפו עקבות משיחך", „ברוך ה' לעולם אמן ואמן", גמר הנצחון דמלחמת בית דוד, ומתחילה התקופה השייכת למזמור צדי"ק, שסיומו

---

1) שיחת שמח"ת תרס"א — לקו"ד ח"ד תשפז, ב ואילך. ס' השיחות תש"ב ס"ע 141 ואילך.

2) תהלים פט, נב.

3) ספי"א.

4) שם, נג.

5) ראה נזיר בסופה. ושי"נ.

6) תבוא כט, ג.





דעם [7]), האט אים זיין מוטער הרבנית רבקה אריינגעפירט צו זיין זיידן כ"ק אדמו"ר הצ"צ מקבל זיין די ברכה בשייכות מיט זיין יום הולדת. אריינגייענדיק צום צ"צ האט זיך דאס קינד פאנאנדערגעוויינט. אז דער צ"צ האט אים געפרעגט וואס וויינט ער, האט ער געענטפערט, אז ער האט געלערנט אין חדר אז דער אויבערשטער האט זיך באוויזן צו אברהם אבינו

(פון דעם זעט מען אז ער האט שוין דאן געלערנט אין חדר ניט נאר עברי און סידור נאר אויך חומש)

און אויף דעם וויינט ער וואס צו אברהם אבינו האט זיך דער אויבערשטער יע באוויזן און צו אונז באוויזט ער זיך ניט.

האט אים דער צ"צ געענטפערט: אז א איד, צו ניין און ניינציק יאר, איז מחליט אז ער דארף זיך מל זיין, איז ער ווערט אז דער אויבערשטער זאל זיך באווייזן צו אים. נאך א נוסח [8]: אז א איד א צדיק, צו ניין און ניינציק יאר איז מחליט אז ער דארף זיך מל זיין, איז ער ווערט אז דער אויבערשטער זאל זיך באווייזן צו אים.

כ"ק מו"ח אדמו"ר האט דאמאלסט מסביר געווען די סיבה פון צוויי נוסחאות: דער רבי נ"ע האט עס אליין ניט געדענקט (ווייל כאמור, איז ער דאן געווען א קליין קינד), און די מספרים האבן עס דערציילט אין די צוויי נוסחאות.

ב. די כללות ההוראה פון דעם מאמר הצ"צ (לויט ביידע נוסחאות) איז [9], אז אפילו א איד וואס איז אלט ניין און ניינציק יאר

— און ניט נאר וואס לויט „קאלענדאר" איז ער אזוי אלט, נאר וואס עבד עבודתו ניין און ניינציק יאר, און ווי עס שטייט [10] אויף אברהם אבינו אז ער איז געווען „בא בימים", ביי אים זיינען געווען „יומין שלמין" —

אויך ער דארף זיך מל זיין [11], ד.ה. אויך ער דארף זיך באווארענען פון דעם צודעק און העלם וואס קען קומען פון וועלט (עולם — ל' העלם [12]) און אראפנעמען עס.

ווייל דוקא אויף „בן מאה" שטייט [13] „כאילו מת ועבר ובטל מן העולם", אז וועלט איז אים ניט מעלים. בשעת ער איז אבער נאר ניין און ניינציק יאר, ער האלט (אפילו נאר מיט איין דרגא) נידעריקער ווי „בן מאה", דארף ער זיך באווארענען פון דעם העלם העולם.

---

6) בשנת תרכ"ה — בהיותו בן ד' שנים — חלה הקביעות דכ' מ"ח בש"פ וירא; בשנת תרכ"ו — בהיותו בן ה' שנים — ביום ה' פרשת חיי.

בשנת כתר"א — שנת ההולדת — חל הקביעות דכ' מ"ח ביום ב' פרשת חיי. וראה לקמן ע' 346 ואילך, שבפרשה שני' דפ' ח"ש נרמזו כו"כ ענינים של כ"ק אדנ"ע.

7) וכ"ה ב„היום יום" ע' קב.

8) ראה גם לקו"ש שם. ושם — גם ההוראה מהשאלה והבכי' של אדנ"ע. עיי"ש.

9) בראשית כד, א. זח"א רכד, א. תו"א טז, א. עס, ב. ולכאורה קשה ממרז"ל דבן שלש הכיר את בוראו כו' עק"ב אשר שמע (נדרים לב, סע"א) וי"ל דאין „הכרת בוראו" ושמיעה בקולו מעבודת הימים שלפני זה ושלימותם. וראה ג"כ הרמב"ם הלכות ע"ז ספ"א. אבל עצ"ע מהא דשנות האבות נחשבות רק ת"ק כיון דבן שלש הכיר כו' (ירושלמי ריש מס' ברכות, אבל ראה במדב"ר פי"ח, כא. ד"ה ויהי אומן, תרכ"ז). — וראה לקו"ש חל"ה ע' 9-68.

10) להעיר ממש"נ ומלתם את ערלת לבבכם (עקב י, טז) ובסהמ"צ להרמב"ם (סוף שורש ד'): ר"ל שיקבל וישמע כל מה שקדם זכרו מן המצוה.

11) לקו"ת שלח לז, ד. ד"ה על ג"ד ש"ת בתחלתו. ובכ"מ.

12) אבות פ"ה מכ"ב. וראה בארוכה לקו"ש שם ע' 26. לקמן ע' 307.

ג. נאָך אַן ענין אין דעם:

אדם הראשון איז נצטוה געוואָרן אויף זעקס מצות. נח'ן איז צוגעקומען אַ זי־בעטע מצוה. אברהם אבינו האָט מען געגעבן מצות מילה[13]. און וויבאַלד אַז מצות מילה האָט זיך אויפגעטאָן דורך אברהם אבינו, איז מובן אַז די מצוה איז עיקר ענינו של אברהם.

פון דעם איז מובן, אַז אברהם'ס החלטה צו ניין און ניינציק יאָר אַז ער דאַרף זיך מל זיין, איז [ניט אַז ער דאַרף נאָך „עפּעס" מוסיף זיין אויף זיין עבודה וואָס ער האָט געטאָן במשך פון ניין און ניינ־ציק יאָר נאָכאַנאַנד, נאָר] אַז לאחרי כל עבודתו, פעלט נאָך אַן ענין עיקרי.

און נאָכמער: פון איצט אָן וועלן אַלע זיינע מעשים, וואָס פאַר אַן עבודה עס זאָל ניט זיין — זיין באופן אחר לגמרי,

וכמאמר רז"ל[14]: והי' תמים כו' בדבר הזה (ע"י המילה) תהי' תמים שכל זמן שהערלה בך אתה בעל מום לפני — וואָס דער עילוי פון אַ תמים אויף אַ בעל מום, איז דאָך אין אַלעם[15], ניט נאָר אין דעם אבר אין וועלכן עס איז דער מום.

ד. אַ טיפערער ענין אין דעם:

שוין גערעדט פיל מאָל[16], אַז טראָץ דעם וואָס די מצות וועלכע מיר זיינען מקיים לאחרי מ"ת זיינען פיל העכער פון די מצות וואָס די אבות האָבן מקיים געווען ובלשון המדרש[17] כל המצות שעשו לפניך האבות ריחות היו אבל אנו שמן תורק שמך,

[די מצות וואָס די אבות האָבן מקיים געווען, וויבאַלד אַז זיי האָבן עס געטאָן בכח עצמם (וואָס דאָס איז אויך כולל — וואָס אברהם התפלל שחרית ויצחק הפריש מעשר וכו'[18]), איז (א) דורך זיי נמשך געוואָרן בלויז אַ הארה פון אלקות, ניט עצמות. און דעריבער (ב) האָבן די מצות ניט קובע געווען די קדו־שת המצוה בפנימיות ובגלוי[19] אין די דברים הגשמיים מיט וועלכע זיי האָבן די מצות געטאָן, באופן אַז די קדושה זאָל אין זיי פאַרבלייבן בגלוי אויך לאחרי קיום המצוה.

משא"כ די מצות שלאחרי מ"ת, איז (א) זיי האָבן אין זיך דעם כח העצמות, וואָרום דער ציווי אויף זיי איז געקומען פון „אנכי[20] הוי' אלקיך", און דעריבער (ב) זיינען זיי קובע די קדושת המצוה אין די דברים הגשמיים מיט וועלכע די מצות ווערן געטאָן, ביז אַז די קדושה פאַרבלייבט אין זיי בפנימיות ובגלוי אויך לאחרי קיום המצוה].

פונדעסטוועגן, איז „מעשה אבות סימן לבנים"[21], אַז דער כח וואָס מיר האָבן אויף דעם קיום המצות לאחרי מ"ת, נעמט זיך פון די מצות שקיימו האבות לפני מ"ת.

און בכדי אַז די מצות פון די אבות זאָלן האָבן אַ שייכות און אַ חיבור צו

13) רמב"ם הלכות מלכים רפ"ט. וראה לעיל שיחה ב' לפ' לך לך.

14) לך יז, א. פירש"י שם. וראה נדרים (לב, א).

15) וי"ל שזהו ג"כ שביחד עם המילה הי' שינוי שמו — דבשינוי השם נעשה מציאות אחרת שלכן מבטל הגזירה (ר"ה טז, ב). ועפי"ז יומתק מרז"ל (תנחומא לך שם) דזקן שבקש להתגייר לא יהא אומר זקן אני והאיך אני מתגייר, ילמוד מאברהם שמל בן צ"ט שנה — דהלימוד הוא לא רק בנוגע לצער המילה, כ"א גם — לשינוי ה(הרגל) טבע שלו ולהעשות מציאות חדשה — דגר שנתגייר כקטן שנולד דמי.

16) ראה לקו"ש שם ע' 41. ח"ג ע' 757 ואילך.

17) שהש"ר פ"א, ג.

18) ראה רמב"ם שם.

19) הדיוק בזה — ראה לקו"ש ח"ח ע' 59 הערה 54.

20) דלא אתפס בשם ולא אתרמיז בשום אות וקוצא כלל כו' (לקו"ת פנחס פ, ב).

21) ראה בהמצויין לעיל ע' 70 הערה 25.





להכלל דלא בשמים היא — כי עיקר התורה[3] בירור הלכה שלא היתה ידועה כלל או שלא היתה מובנת היטב בטעמה מפני קושיות וכו' — אפשר רק ע"י נשמה מלובשת בגוף חומרי משכא דחוי'[4]. אבל ישנה התורה גם בשמים[5] ובפרט, לאלו הנשמות שלמדו בהיותם חי ע"פ האדמה, שזהו הגורם שילמדו אח"כ רוחניות ההלכה בגן עדן[6], ואפילו במלאכים ישנה, כי גם הם מקשיבים (ומשתנים ע"י ההקשבה) לקולך, אבל לא מעין דתורה.

* * *

בפרט בנוגע לבעל המאמר* — הנני מעתיק בזה קטע מרשימת כ"ק מו"ח אדמו"ר ח"ל:

ב' כ' מ"ח.

היום הוא יום הולדת הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק וצוקללה"ה נבג"מ זי"ע שנולד ביום ב' חיי שרה בעשרים לחודש מ"ח בשנת תרכ"א בשעה תשיעית בקר.

בחלומי ראיתי את הוד כ"ק אאמו"ר הרה"ק בבגדי ש"ק ובפנים צוהלות במאד. ואמר במעת לעת זה שנתמלאו שמונים וארבע שנים לירידת נשמתי בעולם התחתון הנה יהיו אצלי אורחים טובים, וכפי הסדר הנה כל אחד מכ"ק רבותינו ואבותינו הק' יאמר דרוש ע"פ דקאפיטל פד. — עכ"ל בהנוגע לענינינו.

— הרשימה היא משנת תש"ה, פד שנים מיום הולדת את בעל המאמר אשר אז מסתיימת השייכות אל קאפ' פד שבתהלים וכידוע במנהגי אמירת תהלים אשר בקבלה מן הבעש"ט[7]. —

הרי אשר גם לאחרי ההסתלקות ישנו לימוד ושמיעת תורה מנשיאים, ולימוד התלוי בתוספת שבזמן דלמטה.

(ממכתב ז' מ"ח ה'תשי"ב)

3) לקו"ת לג' פרשיות בתחילתו.

4) אגה"ק סי' כו. ועייג"כ קונטרס אחרון ד"ה להבין פרטי ההלכות.

5) המשך חייב אדם לברך תרל"ח סכ"ב.

6) עיין תו"א תולדות ד"ה מים רבים פ"ב. המשך הנ"ל שם.

7) ראה קובץ מכתבים לתהלים ס"ע 214.

*) ד"ה „סמוכים לעד — פר"ת" מכ"ק אדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע. המו"ל.

ב"ה, מחרתיים ליום השני פרשת חיי שרה בעשרים
לחדש מרחשון שנת תשכ"ה. ברוקלין, נ. י.

שלום וברכה!

. . . ובבואנו מיום הולדת כ"ק אדמו"ר (מהורש"ב)

מייסד ישיבת תומכי תמימים ומנהלה ע"י וביחד עם כ"ק מו"ח אדמו"ר —

אשר מסרו נפשם על יסודה והנהלתה ובאופן עד למסירת נפש על עניני הישיבה ועיקרה — התלמידים התמימים,

והרי דברי צדיקים ועאכו"כ העשי' שלהם, קיימים לעולם ופועלים פעולתם,

יהי רצון שביום זכאי זה וממנו ולהבא, ישופע בכאו"א מתלמידי התמימים ובכל ההולכים בדרכיו ואורחותיו תוספת אור וחיות וכח בעניניהם הרוחנים ובעניניהם הגשמים,

ובהנקודה — להיות נרות להאיר,

כתקות מייסדי ומנהלי הישיבה, כ"ק אדמו"ר (מהורש"ב) וכ"ק מו"ח אדמו"ר — וצוקללה"ה נבג"ם זי"ע.

בברכה

---

ליום . . מרחשון: אותה הקביעות שבשנת הולדת כ"ק אדנ"ע (ראה „היום יום לנער").

ליום השני פרשת חיי שרה: להעיר משיעור היומי (בחומש עם פרש"י): ואברהם זקן (ויושב בישיבה — יומא כח, ב) וה' ברך את אברהם בכל (ופירש"י) שהי' לו בן (שעולה בגימט' בכל).

בדרכיו ואורחותיו: ראה אגה"ק סי' זך. זח"ב רטו, א. לקו"ת שה"ש יב, ב.

אור וחיות וכח: ראה ד"ה אתם נצבים רדע"ת (בהמשך תער"ב).

נרות להאיר: להעיר משרע אדה"ז או"ח סרצ"ח סי"ז.

. . . כבר הובא במ"א, אשר יש אומרים [1] שבענין אם שייך לאחר מיתה התסלקות השגות חדשות ותוספות — פליגי הרמב"ם והראב"ד. אבל בפשיטות מובא בדא"ח בכ"מ [2] בפי' הכתוב היושבת בגנים, וביאור ענין מתיבתא דרקיע, אשר הנשמות שבג"ע לומדים תורה.

ובכ"ז יש מקום לשתי הדיעות — ובזה מובן ג"כ איך שאין מזה סתירה

---

1) צפנת פענח לרמב"ם הל' תשובה פ"ח ה"ד. ומציין שם למרז"ל ת"ח אין להם מנוחה כו'. ירוש' שביעית פ"ד ה"ס. כ"מ פ"ה ב. גבחים יח, ב. כתובות לס, א.

2) ראה לקו"ת תזריע ד"ה קאמישלי במתיבתא דרקיע. שה"ש ד"ה להבין כו' שהאתערל"ע. המשך וככה — תרל"ז פ"ז ואילך. קונטרס ליסוד החסידות פ"א ואילך. ועוד.





די מצוות שלאחרי מ"ת, האט געדארפט זיין צום ווייניקסטן איין מצוה פון די אבות בדוגמת [22] המצוות שלאחרי מ"ת, און דאס איז מצות מילה

— וואס (א) אויך איר איז אברהם נצטווה געווארן פון דעם אויבערשטן [23], און דעריבער איז (ב) די קדושה פון דער מצוה (אויך פאר מ"ת), פארבליבן אין דעם דבר גשמי אויך לאחרי קיום המצוה [24] —

וואס זי האט פארבונדן אלע אנדערע מצוות וואס די אבות האבן מקיים געווען מיט די מצוות שלאחרי מ"ת, אז די „מעשה אבות" זאלן זיין „סימן לבנים" [25].

ה. עפ"ז איז פארשטאנדיק אז דאס וואס אברהם אבינו האט מהליט געווען, לאחרי זיין עבודה אין פארלויף פון ניין און ניינציק יאר, אז ער דארף זיך מל זיין, האט עס געמיינט אז (ניט נאר וואס אים פעלט נאך א געוויסער ענין, און אן ענין עיקרי, און אז פון איצט און וועלן אלע זיינע מעשים וואס ער וועט טאן זיין בשלימות, נאר אז) עס פעלט אים אויך אין אלע זיינע פריערדיקע עבו־

---

22) אבל לא בשוה ממש (ראה להלן הערות 23־24). כי ענין „העליונים ירדו לתחתונים" — המשכת העצמות — „והתח־תונים יעלו לעליונים" — זיכוך גשמיות העולם ע"י המצות — נתחדש רק בשעת מ"ת (שמו"ר פי"ב, ג. תנחומא וארא סו).

וזהו מה שאמרו (שיר השירים רבה שם) „כל המצות שעשו לפניך האבות (דמשמע שכולל גם מצות מילה) ריחות היו", אשר גדרי הריח הם (ראה לקו"ש ח"ח ע' 59 ואילך ובהמצויין שם): (א) רק התפשטות, (ב) אין לו קיום.

ולכן גם קיום מצות מילה „אין אנו מלין מפני שאברהם אבינו ע"ה מל עצמו ואנשי ביתו אלא מפני שהקב"ה צוה אותנו ע"י משה רבינו שנמול" (פיה"מ להרמב"ם חולין ספ"ז).

23) אלא שמכל מקום, הציווי אינו מבחי' „אנכי הוי' אלקיך" כהמצות שלאחרי מ"ת. ולהעיר מלקוטי תורה להאריז"ל ר"פ לך ומשנ"ת בזה באוה"ת פ' ח"ש עה"פ וה' ברך את אברהם. בית האוצר — להרר"י ענגיל — בתחלתו דר"ל דהתחלת נתינת התורה הי' מאברהם כו'. ואכ"מ.

24) כדמוכח ממה שאמר אברהם לאלי־עזר שים נא ידך תחת ירכי — שבועה בנקיטת חפץ (שבועות לח, ב. וראה לקו"ש ח"א ע' 41. ח"ג ע' 760).

אלא שמ"מ, לא הייתה הקדושה כמו שהיא לאחרי מ"ת, כיון שעדיין לא נאמר אנכי ה"א גו', ושמי הוי' (ג"כ) לא נודעתי להם. ובכללות — עדיין לא בטלה הגזירה דעליונים לא ירדו למטה. ולהעיר א) מ„אין למדין מקודם מ"ת" (לכמה מפרשים גם לא מהמצות שנצטוו אז) — ירוש' מו"ק פ"ג ה"ה (וראה בית האוצר בתחלתו. אנציקלו־פדיא תלמודית מע' זו). ב) גם לאחר מ"ת — החפץ שנוקט אין צ"ל ס"ת דוקא

שקדושתו חמורה כ"א אפ"ל גם תפלין כו' (שבועות שם), ועפ"ז יובן יותר מה שהמצות דאבות — אף שנקראו ריחות — ג"כ נחשבת נקיטת חפץ.

25) עפ"י מ"ש בפנים יומתק לשון הרמב"ם שם שמסיים „שנמול כמו שמל אברהם אבינו ע"ה" — (ולכאורה, מה מקום להזכיר שנמול כמ"א והרי אנו מלין רק מפני הציווי למשה רבינו, אלא) — כי מעשה אבות (מילת א"א) היא הנתינת כח על המצות (מילה) דלאחרי מ"ת, ובמיוחד מצות מילה דאברהם, שהיא המקשרת את כללות „מעשה אבות" שיהיו „סימן (ונתינת כח) לבנים", כבפנים. וראה (עוד ביאור) לקו"ש חלק יו"ד ע' 47 הערה 29. חלק ל', ע' 55 ואילך.

ומה שגם גבי איסור אבמה"ח כותב הרמב"ם שם „שצוה בסיני שיתקיים איסור אבמה"ח"

— אף שרק „מעשה אבות סימן לבנים" [ודוחק לומר שכוונת הרמב"ם ב„שיתקיים" קאי על איסור אבמה"ח שקיימו האבות, ובפרט שצ"ע אם קיום איסור זה של האבות הוא סימן ונתינת כח לבנים — מכיון שקיימו אותו לא בתור אבות כ"א בתור ב"נ] —

הוא מפני שאינו איסור חדש, כי כבר נצטוה על זה נח מהקב"ה. ובאיסור גה"נ כתב הרמב"ם סתם „אלא מצות מרע"ה" ולא כתב „שיתקיים" — כי גה"נ קיים יעקב מעצמו ולא שנצטווה על זה מהקב"ה (רמב"ם הל' מלכים רפ"ט ובכס"מ שם).

דות; ער דאַרף זיך מל זיין בכדי אי־בערצושטעלן אַלע זיינע פריערדיקע עבו־דות, אַז זיי זאָלן זיין בשלימות.

און דאָס איז אַ הוראה לכל אחד ואחד, אַז ווי גרויס ער זאָל ניט זיין, (כל זמן ער האַלט נאָך ניט ביי דער עבודה פון „בן מאה״) איז ניט נאָר וואָס ער האָט נאָך ניט פאַרענדיקט זיין עבודה; ער דאַרף טאָן נאָך אַן עבודה און אַן עבודה עיק־רית, נאָר ער דאַרף נאָך אַריינברענגען שלימות בכל עבודתו הקודמת.

ו. כאמור לעיל, זיינען אין דעם מאַ־מר הצ״צ פאַראַן צוויי נוסחאות. און ווי־באַלד אַז בײדע נוסחאות זיינען דער־ציילט געוואָרן דורך אַ רבי׳ן, אַ נשיא בישראל, איז מוכרח אַז אין יעדן נוסח (כאָטש ער איז מפי המספרים) איז דאָ אַן אויפטו, אַ באַזונדערע הוראה אין עבודת האדם.

איז ניט פאַרשטאַנדיק, וואָס פאַר אַן אויפטו איז דאָ אין דעם ערשטן נוסח (אַ איד — סתם) אויפן צווייטן (— אַ צדיק): וויבאַלד אַז מען זאָגט (אין צווייטן נוסח) אַז אַפילו אַ איד אַ צדיק דאַרף האָבן די החלטה אַז ער דאַרף זיך מל זיין, איז דאָך שוין מובן במכל שכן אַז אַ איד וואָס איז ניט קיין צדיק דאַרף אַ וודאי האָבן די החלטה, וואָרום — יש בכלל מאתים מנה. היינט וואָס איז דער אויפטו אין דעם ערשטן נוסח[26]?

ובכלל — ווי איז בכלל שייך דער ער־שטער נוסח — אברהם איז דאָך גע־ווען אַ צדיק אויך קודם המילה[27], בלויז דער תואר „תמים״ איז אים צוגעקומען ע״י המילה?

איז דער ביאור אין דעם:

וויבאַלד אַז דער אויפטו פון מצות מילה לגבי די מצות וואָס אברהם האָט מקיים געווען פריער איז, אַז אויף דער מצוה איז ער נצטוה געוואָרן פון דעם אויבערשטן, ובמילא האָט ער זי מקיים געווען ניט בכח עצמו נאָר (בדוגמת המצ־ות שלאחרי מ״ת) מצד כח המצווה, כח הבורא, כח המאציל (כנ״ל סעיף ד).

דאַרף דעריבער די החלטה צו מקיים זיין די דאָזיקע מצוה קומען פון דעם אָרט אין נפש וואו ס׳איז ניט שייך קיין חילוקי דרגות פון צדיק און ניט צדיק (און אַזוי איז אויך געווען באַ אברהם׳ן). און דעריבער זאָגט ער ניט דעם וואָרט „צדיק״ אין דעם ערשטן נוסח, ווייל

[נוסף אויף דערויף וואָס לגבי דעם ענין פון גילוי כח המאציל וואָס דאַרף זיך אויפטאָן ע״י המילה, איז קיין חידוש ניטאָ אין דעם וואָס אויך אַ צדיק דאַרף זיך מל זיין[28], וואָרום לגבי המאציל, איז אצילות (און אפילו א״ק[29]) גליך מיט עשי׳[30], איז נוסף לזה]

---

26) בנוגע להשכר (שראוי ל„וירא אליו ה׳״) — הרבותא יותר בבן צט׳ שנה סתם, שגם החלטתו מביאה שכר זה. אלא שיש לבאר רבותא גם בנוגע לעבודתו.

27) ראה תנחומא (בובער) לך כו: יחידו של עולם והי׳ צדיק.

28) ומה שגם בנוסח זה אומר: „אַ איד צו ניין און ניינציק יאָר״, שהכוונה בזה שעבד עבודתו 99 שנה כנ״ל — אינו בשביל החידוש אשר גם הוא צריך להחליט שעליו להמול (כי מצד המאציל אין כל חידוש בזה), כי אם — לפי שבלא זה, אין בכלל חידוש ועבודה בהחלטתו זו וגם כש־יחליט שצריך להמול, אינו ראוי לוירא כו׳.

29) דרמ״צ קל, א. קלז, ב. אוה״ת בלק ריש ע׳ תתקסג. ועוד.

30) לקו״ת תזריע (כא, רע״א) עה״פ כולם בחכ׳ עשית. וכן בדרמ״צ (נב, א. ושם נג, א: שזהו גם הפי׳ דהמגביהי גו׳ המשפילי גו׳) ועוד. ובפנים שמדובר במצות מילה, גילוי א״ק, לכן השייך כאן — הוא שחכ׳ ועשי׳ שוין (ראה דרמ״צ שם (נב, א), שמחלק „קמי׳ ית׳ ואפילו לגבי אורו כו׳״).

וראה תניא פ״ב בהגה״ה, שהיוה״א פ״ס (הובאו בדרמ״צ שם — מז, רע״א) עוד





בכדי צו נעמען גילוי בחי׳ מאציל (וואָס דאָס קומט דורך גילוי הבחי׳ שבנפש שהיא למעלה מחילוקי דרגות), דאַרף ער נתבטל ווערן פון זיינע מדריגות. (ובמכל שכן פון דעם וואָס מ׳ זעט שטיתן[31] איך ר׳ זירא׳ן, אַז ער האָט געדאַרפט פאַרגעסן תלמוד בבלי בכדי צו קענען לערנען תלמוד ירושלמי, אעפ״י וואָס ביידע זיינען בהבנה והשגה דוקא, מוזן זיי דאָך האָבן אַן ערך זה לזה).

און דאָס איז דער ביאור פון ביידע נוסחאות: דער ערשטער נוסח רעדט וועגן דעם ענין ווי ער איז לאמיתתו — מצד המאציל, וואָס לגבי אים איז אצי־לות ועשי׳ (שבעולם ושבאדם) שוין. און דער צווייטער נוסח רעדט ווי ס׳איז מצד הרגש הנבראים, און אין הרגש הנבראים איז אַן אויפטו, אַז אַפילו אַ צדיק דאַרף זיך מל זיין.

ז. די הוראה פון דעם מאמר הצ״צ (לויט ביידע נוסחאות) צו אונז — נאָך מ״ת — איז:

דורך יעדער מצוה — מלשון צוותא וחיבור[32] — ווערט מען למעלה מיוחד מיטן אויבערשטן אויף אייביג, ווי דער

אַלטער רבי זאָגט[33] „ויחוד זה למעלה הוא נצחי לעולם ועד״.

און דער יחיד איז דאָ ביי יעדער אידן. ווי די גמרא זאָגט[34] „אפילו פושעי יש־ראל מלאים מצות״ — מלשון צוותא וחיבור. וואָס דערפאַר זאָגט יעדער איד דעם נוסח ברכת המצות [און זאָגט עס מיט אַ שם ומלכות, ווייל אין דעם נוסח איז ניטאָ קיין ספק און ספק ספיקא[35]] — ניט נאָר „מלך העולם״ נאָר אויך „אלקינו״ (אלוקה שלנו) און „אשר קד־שנו במצותיו וצונו״ (מלשון צוותא וחי־בור).

איז וויבאַלד אַז יעדער איד איז „פול״ מיט מצות, וואָס דורך דעם איז ער מיוחד מיטן אויבערשטן לעולם ועד, קאָן ער דאָך מיינען אַז ער איז שוין אַ פאַרטיקער — איף דעם האָט מען די הוראה, אַז מען דאַרף אַלע מאָל וויסן אַז מען דאַרף זיך מל זיין.

און בשעת ער האָט די החלטה, איז ער ווערט — כסיום מאמר הצ״צ — אַז דער אויבערשטער זאָל זיך באַווייזן צו אים, ביז אין אַן אופן ווי ער האָט זיך באַוויזן צו אברהם אבינו, בחינת נבו־אה[36] — וואָס איז העכער פון חכמה — ראיית המהות[37].

(משיחת ש״פ וירא תשכ״ה)

---

פי׳ בכולם בחכ׳ עשית, אשר רק „נחשבת כעשי׳ גופנית״. ובשעהיוה״א שם מפורש יותר: „שנחשבת כאילו היא בחי׳ ומדרגת עשי׳״ שמצד זה

א) אפשר דקמי׳ עשי׳ — למטה מזה, למטה מעשי׳ גופנית ב) ג״ז שנחשבת כו׳ הרי הוא רק 1) נחשבת, 2) כעשי׳; כאילו — כ״ף הדמיון

— שזה שייך גם בעו״ע — משא״כ האופן ששוין (ובפרט עפמש״כ בדרמ״צ שם נב, א: שוים ממש).

31) ב״מ פה, סע״א. ונת׳ בד״ה זה היום תרס״ו ואילך. יחיינו מיומים תרצ״א (סה״מ קונט׳ ח״א) בסופו.

32) לקו״ת בחוקותי מה, ג. ובכ״מ.

33) תניא פכ״ה.

34) עירובין יט, א. סוף חגיגה. ובברכות נז, א: ריקנין שבך.

35) ראה אגה״ת פי״א.

36) ראה פדר״א פכ״ח: הנביאים כו׳ ולאברהם כו׳ שנאמר וירא אליו כו׳. והאריך במו״נ ח״ב פמ״ב, רמב״ן כאן. ועוד.

37) ראה אגה״ק סי״ס.